**גוט שבת אלע אידן.** די היינטיגע פרשה איז די ערשטע פרשה וואס רעדט באריכות וועגן די הייליגע אבות, בפרט אברהם אבינו ע"ה. די גמרא זאגט אז אברהם אבינו האט מתקן געווען תפילת שחרית, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "וישכם אברהם בבקר וגו'" (ברכות כו:)

איינע פון די ערשטע מצוות פון תפילת שחרית איז די מצוה פון נטילת ידים. די מצוה פון נטילת ידים איז אפשר מרומז אין די היינטיגע פרשה. די גמטריא פון "לך לך" איז 100. די גמטריא פון "מים" (וואסער) איז 90. ביי נטילת ידים גיסט מען די וואסער איבער די 10 פינגערס. עס קומט אויס אז "לך לך" האט די זעלבע גמטריא ווי "מים" – 90, מיט די 10 פינגערס.

חז"ל און די ספרים הקדושים האבן זייער מפליג געווען אויף די מצוה פון נטילת ידים. איז לאמיר שוין דערציילן א מורא'דיגע מעשה וואס ווייזט אויף די מורא'דיגע סגולה פון זיין מקפיד אויף נעגל וואסער.

אמאל איז א פרומער ספרדישער איד ר' יצחק (נישט זיין עכטע נאמען) געקומען קיין אמעריקע פון ארץ ישראל פאר א מצוה צוועק. לאמיר זאגן אז דער איד איז געקומען קיין אמעריקע צו גיין נאך געלט.

איין טאג ערב שבת, ווען דער איד איז געווען אין ניו יארק, האט ער פלוצלינג גע'חלש'עט אויפ'ן גאס. איינער האט גערופן 911, און באלד דערנאך איז געקומען א גוי'אישע אמבולענס וואס האט אים געברענגט צום שפיטאל. ב"ה אז דער איד ר' יצחק איז געקומען צו זיך, אבער די דאקטוירים האבן נישט געוואוסט וואס האט גורם געווען אז ער זאל פלוצלינג חלש'ען. איין גרויסער פראבלעם איז געווען אז ר' יצחק האט נישט געקענט קיין ענגליש, וועגן דעם, האט ער נישט געקענט גוט מסביר זיין זיינע ווי טאג פאר די דאקטוירים, כדי זיי זאלן קענען געוואויר ווערן די סיבה פון זיין קראנקהייט. איין זאך איז געווען קלאר, אז ר' יצחק'ס קאפ האט אים שטארק וויי געטון, ל"ע.

ער האט פראבירט צו ווייזן מיט זיין הענט אז ער פילט נישט גוט אין זיין קאפ, אבער, די דאקטוירים האבן נישט געהאפט וואס טוט זיך. סוף כל סוף האבן זיי פארשטאנען אז זיין קאפ טוט אים וויי, און די דאקטוירים האבן גלייך געמאכט עקס-רייעס פון זיין קאפ.

עס איז געווען באלד פאר שבת, און עס האט אויסגעקוקט צו ר' יצחק אז ער וועט באין ברירה דארפן בלייבן אין שפיטאל דורך שבת קודש. ער האט נישט געוואלט בלייבן דארט צווישן גוים וכו', אבער, וואס האט ער געקענט טון? ער האט אזוי נישט גוט געפילט, ל"ע.

די עקס-רעיס זענען צוריק געקומען באלד דערנאך, און דער דאקטור איז צוריקגעקומען צו ר' יצחק'ס צימער מיט אן ערנסטע פנים. דער מצב האט נישט אויסגעקוקט אזוי גוט. ר' יצחק האט פארשטאנען וואס דער פראבלעם איז ווען ער האט געקוקט אויף די עקס-רעיס פון זיין קאפ. וויבאלד אז עס איז געווען שפעט פרייטאג נאכמיטאג, האבן די דאקטוירים געזאגט צו ר' יצחק, אז זיי קענען יעצט גאר נישט טון. נאר, זיי דארפן ווארטן ביז מאנטאג ווען די סורדזשענס קומען צוריק.

ר' יצחק האט נישט געוואוסט וואס וועט זיין מיט אים. ער האט געזאגט תהלים און נאכדעם געדאווענט מנחה און קבלת שבת. זיין קאפ האט אים ליידער מער און מער וויי געטון. סוף כל סוף איז ער איינגעשלאפן ליל שבת...

די זעלבע שבת איז עס "אויסגעקומען" אז ר' מרדכי שיין הי"ו, איז געקומען צו יענע שפיטאל, צו זיין שבת דארט מיט א קרוב.

ר' מרדכי האט געשלאפן אין דעם ביקור חולים גאסט צימער אין שפיטאל, כדי צו זיין נאנט צו זיין קרוב, דעם חולה.

בערך 7 אזייגער שבת אינדערפרי, איז ר' מרדכי אויפגעשטאנען און איז ער גלייך געגאנגען זיך אינטערעסירן וועגן דעם חולה. ר' מרדכי האט געהאלטן פאר'ן דאווענען, אבער ער האט געוואלט זען וואס טוט זיך מיט זיין קרוב. ווען ר' מרדכי איז געגאנגען לעבן דעם "אינטעסיוו קעיר יוניט" האט ער געזען ווי א שוועסטער (נארס) לויפט ארויס אין א בהלה פון דעם "אינטעסיוו קעיר" געגענט.

"איר ווילט אפשר אריינקומען איין מינוט?" האט די נארס געפרעגט ר' מרדכי מיט א נערוועזקייט. "מיר האבן דא א אידישע פאציענט וואס מאכט מאדנע קולות און פראבירט צו ווייזן עפעס מיט זיין הענט. מיר פארשטייען נישט וואס ער וויל, און ער וויל נישט נעמען די פילן וואס מיר ווילן אים געבן!"

ר' מרדכי איז שנעל אריינגעגאנגען אין דעם "אינטעסיוו קעיר." ער האט געזען ליגענדיג אויפ'ן בעט א ספרדישער איד, אונזער ר' יצחק. ר' יצחק האט געוויזן מיט זיין הענט אפאר מאל אבער ער האט נישט אויסגערעדט. ר' יצחק האט גלייך פארשטאנען וואס דער איד וויל. ער האט געוואלט נעגל וואסער! ר' מרדכי איז שנעל געגאנגען ברענגען וואסער פאר דעם איד און ער האט אים געהאלפן וואשן נעגל וואסער. נאכדעם וואס דער איד האט זיך געוואשן נעגל וואסער, האט ער געלאזט די נארס געבן אים די פילן. נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו רעדן צו ר' מרכי אין עברית:

"אני פה בביקור מארץ ישראל. אתמול, התעלפתי ברחוב, והביאו לי לכאן. הם בדקו ומצאו גידול ענקי בראש שלי, ה' ישמור! ניסיתי להגיד להם לעשות ניתוח מיד, להציל את חיי, אבל הם אמרו שזה בלתי אפשרי עד יום ב'!" (די דאקטוירים האבן געטראפן עפעס אין זיין קאפ, און ר' יצחק האט געוואלט שוין יעצט מאכן די אפעראציע, אבער זיי האבן נישט מסכים געווען ביז מאנטאג.)

ר' יצחק האט דערציילט ווייטער פאר ר' מרדכי אז ער האט געשפירט אז זיין מצב איז ערנסט, און ער ווייסט נישט אויב ער וועט לעבן ביז מאנטאג, דער אייבערשטער זאל אפהיטן! ר' יצחק האט שוין אסאך מאל געבעטן אז זיי זאלן אים ברענגען צו אן אנדערע שפיטאל וואו זיי וועלן קענען שוין מאכן די אפעראציע. אבער, ביז דערווייל, האבן די דאקטוירים נישט פארשטאנען וואס ער רעדט, ווייל ער רעדט נאר עברית.

ר' מרדכי האט אלעס געהערט און נאכדעם איז ער שנעל ארויסגעלאפן פון דעם צימער. עס איז געווען שבת, אבער, עס איז געווען א מצב פון פיקוח נפש. ר' מרדכי מיט די ביקור חולים עסקנים האבן ב"ה מצליח געווען צו ערלעדיגען א סורדזשען. באלד דערנאך האבן זיי שנעל געברענגט ר' יצחק מיט אן אמבולענס צו די אנדערע שפיטאל וואו דער סורדזשען האט גלייך געמאכט די אפעראציע. ב"ה אז די אפעראציע האט מצליח געווען און דורך דעם האבן זיי געראטעוועט ר' יצחק'ס לעבן, אלעס וועגן ר' יצחק'ס זהירות מיט נעגל וואסער.

זאגט דער של"ה הקדוש: "וצריך אדם להיות בקי במאוד בהלכות נטילת ידים וגו'" (הגהות לשער האותיות - עד) איז לאמיר זיך נתעורר ווערן צו טון די מצוה פון נטילת ידים של שחרית ווי עס דארף צו זיין. אזוי ווי מיר האבן יעצט געזען אין די מעשה, אז עס איז א מצוה וואס איז מסוגל. דורך זיין מקפיד אויף דעם, קענען מיר זיך מקשר זיין אונזערע נשמות צו די נשמה פון אברהם אבינו ע"ה וואס האט מתקן געווען תפילת שחרית, ווייל מיר ווייסן אז "כח הפועל בנפעל." **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף טויב שליט"א לרגל אירוסי בנו שמעון נ"י לבתו של מוה"ר מיכאל אהרן פראמאוויץ שליט"א בשעטומ"צ**

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234

מבצע פאר'ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר'ן אריינקומען אין שול, כדי דאס קלינגען זאל נישט שטערן דעם דאווענען!